עיקר שכחתי. אַז איך בין געקומען מיט דער אָנווייזונג צו באַר־באַשן, זאָגט מען מיר, אַז די אָנווייזונג איז נישט קיין אָנווייזונג. וואָס דען איז עס? ס'איז אַ <u>סוכּה־שער</u>! לאָז פֿריִער אָנקומען, זאָגן זיי, פֿון אײַער פֿעטער מנשה דער וואַגאָן ווייץ און לאָז מען אָקערשט די ווייץ פֿאַרקויפֿן, וועט מען אײַך דעמאָלט געבן געלט. אַ שיינע מעשׂה, נאָר אַ קורצע! האָב איך באַלד אַוועקגעשריבן קיין קעשענעוו אַן אָטקריט־קע [6] און האָב אים געשריבן, אַז טאָמער שיקט ער ניט אַרויס תּיכּף ומיד די ווייץ, וועל איך אים קלאַפּן אַ דעפּעש [7]. בקיצור, אַ שרײַב אַהער, אַ שרײַב אַהין — איך בין אַרומגעגאַנגען אין אײנע יסורים. און ערשט נעכטן איז מיר אָנגעקומען פֿון קעשענעוו אַ מזומנער הונ־דערטער און אויף רי"ש קערבלעך אַ וועקסעלע. אַצינד פֿאַרשטייסט דו שוין, פֿאַר וואָס איך האָב דיר די גאַנצע צײַט ניט געשריבן? איך האָב גערעכנט, אַז די ש"ין קערבלעך זײַנען לעזאזל. דערפֿון זעט מען אַרויס, אַז אַ מענטש טאָר ניט איבערטראַכטן אויפֿן ערגסטן. ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס פֿירט־אויס. איך האָב דאָס גאַנצע ביסל מזומנס אַרײַנגעבראָכט אין „לאָנדאָן" אַרײַן, אײַנגע־האַנדלט אַ רעמל סחורה, האָסלעך און בעסלעך [8], און דאַנקען השם יתברך — מע זאָגט, אַז ס'איז שוין דאָ ריווח!

הנ"ל [9]

— ii —

שיינע־שיינדל פֿון קאַסרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין אַדעס

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפֿורסם החכם מופֿלג מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י [10].

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, אַז עס האָט זיך מיר ווידער אָנגערופֿן די אַמאָלעדיקע ספּאַזמע, אויף דײַן פֿעטער מנשה געזאָגט געוואָרן, וואָס האָט דיר געמאַכט אַזאַ שיינעם מחק פֿון די פֿופֿצן הונדערט קערבלעך נדן, אַזאַ יאָר, אַזאַ מזל! ווי זאָגט די מאַמע מײַנע זאָל לעבן: „געשיקט דורך דער קאַץ שלח־מנות"... וועקסעלעך וואָלט איך בײַ אים נעמען! קרענק וואָלט איך בײַ אים נעמען! קדחת אויף פֿינף חדשים! הערסט דו, הלוואַי איך זאָל ליגן זאָגן, נאָר כ'האָב מורא, דו וועסט די איבעריקע קערבלעך נישט אָנקוקן, ווי די קוקסט ניט אָן די אויערן דײַנע, וואָס דו האָסט די פֿאַרטראָגן אַזש אַהין קיין אַדעס. דײַן גליק, וואָס די מאַמע ווייסט ניט פֿון קיין וועקסעלעך; עס וואָלט זיך געטאָן חושך! און דאָס, מענדל, וואָס דו שרײַבסט, אַז דו פֿאַרדינסט, דאַנקען גאָט, געלט, איז בײַ אונדז אַלעמען אַוודאי

[8] (פֿר': haut, bas) אַקציעס וואָס גייען־אַרויף, אַנדערע — אַראָפּ. — [9] (ראָ־שי־תּיבֿות) הנזכּר למעלה, אויבן דערמאָנטער. — [10] מורנו ורבינו הרב רבי... נרו יאיר. (וועגן אַ צדיק רעדט מען אַזוי).

זייער אָנגעלייגט. נאָר וואָס דען? האָב דיר אַכציק שוואַרצע יאָר, מײַנע שׂונאים, אַז דו שרײַבסט שוין יאָ, שרײַב זשע ווי אַ מענטש! פֿאַר וואָס זאָלסט דו ניט אַרויסשרײַבן אַקוראַט, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין סחורה אָט דאָס, וואָס דו האַנדלסט מיט דעם? ווי טײַער ליזט מען דאָס אַן אַרשין? צי אפֿשר פֿאַרקויפֿט זיך עס אויף דער וואָג? פֿרעג מיך בחרם וואָס דאָס איז און מיט וואָס מע עסט דאָס! הײַנט פֿאַרשטיי איך ניט, דו זאָגסט, אַז אָט האָסט דו אײַנגעקויפֿט סחורה, און אָט איז שוין דאָ ריווח.. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין סחורה, וואָס וואַקסט בײַ דיר אַזוי געשמעיהדיק? פּעטשעריצעס [11], זאָגט די מאַמע, באַדאַרפֿן אויך אַ רעגן!... און אַז ס'איז דאָ ריווח, פֿאַר וואָס פֿאַר־קויפֿסט דו ניט? אויף וואָס וואַרטסטו? אויף אַ יקרות? און פֿאַר וואָס שרײַבסט דו ניט, ווו דו שטייסט־אײַן און וואָס עסט דו? עפּעס גלײַך ווי איך וואָלט דיר זײַן אַ פֿרעמדע, ניט קיין ווײַב ביז הונ־דערט צוואַנציק יאָר, נאָר עפּעס אַ פּאָליובאָווניצע [12] להבֿדיל... ווי זאָגט די מאַמע, זאָל לעבן? „אַז אַ קו גייט־אַוועק אין טשערעדע, פֿאַרגעסט זי דעם זײַ געזונט". מיר דאַכט, דו זאָלסט מיך וועלן פֿאָלגן, וואָלסטו געזען אויסהאַנדלען זיך וואָס גיכער און קומען בעסער אַהיים מיטן ביסל מזומנס, וועסט דו דיר געפֿינען שענערע געשעפֿטן ווי אָט דאָס דאָזיקע... איך זאָל אַזוי וויסן פֿון קדחת, ווי איך ווייס ווי מע רופֿט עס! און זײַ געזונט, ווי עס ווינטשט דיר פֿון טיפֿן האַרצן

דײַן באמת געטרײַע פֿרוי שיינע־שיינדל

So he goes and makes out a couple of promissory notes, each one for five hundred rubles and good for only five months. He also gives me a check for three hundred rubles on Barbash in Odessa and the rest in cash—toward my expenses, he says. And since I am pressed for time, I must cut this short. In my next letter, please God, I'll write you everything in detail. Be well, greet the children, long may they live, and remember me kindly to your father and mother, to old and young, to big and small.

From me, your husband,
Menahem-Mendl.

Just remembered! When I came to Barbash with the check, I was told the check wasn't a check at all. So what is it? It's a glimpse into the distant future! First of all, they tell me, your Uncle Menasheh's wagonload of wheat has to arrive; after the wheat comes, it has to be sold for its full price; and only then can I get the money. Short and sweet! So I immediately sent a postcard to Kishinev and wrote him that if he doesn't send the wheat at once, I'll dash off a telegram to him. To make a long story short: a postcard here, a postcard there—I simply didn't know what to do for worry. And only yesterday did I receive from Kishinev one hundred in cash and two hundred in promissory notes. Do you understand now why I haven't written you all this time? I was certain that the three hundred rubles had gone down the drain. But this only shows that you mustn't always expect the worst. There is God in heaven who looks after you. I've put all the cash in London. I bought a whole pack of merchandise—hausses and baisses both—and, praise the Lord, I heard there's a profit already.

As above.

## 2

**To my dear, esteemed, renowned, and honored husband, the wise and learned Menahem-Mendl, may his light shine forever.**

In the first place, I want to let you know that we are all, praise the Lord, perfectly well, and may we hear the same from you, please God, and never anything worse.

In the second place, I am writing to say that I've had another attack of my old spasms which I'd be happy to hand over to your Uncle Menasheh who has made such a hash of the fifteen-hundred-ruble dowry, worse luck! As Mother says, God bless her, "It's like sending a cat to deliver the fish. . . ." Catch me taking promissory notes from him! May as well take the plague from him, a five-month fever! Look here, I wish I were telling a lie, but I'm afraid you have as much chance to set your eyes on the rest of that money as on the ears at the sides of your head which you've carried all the way to Odessa. Your luck that Mother doesn't know anything about those promissory notes, or you'd never hear the end of it. And as for the money which you write you are earning, praise the Lord, we are all happy to hear about it, Mendl. There is only one thing—may all my enemies enjoy eighty lean years—if you are already writing to me, why don't you write like a human being? Why don't you describe exactly what kind of merchandise you are handling? How much does it cost by the yard? Or maybe it is sold by weight? I still cannot make head or tail of it—how do you eat it, with a spoon or with a fork? And there's another thing I cannot understand: You say you bought merchandise, and it's already

עיקר שחכתי. וואָס דו פֿרעגסט מיך, ווו איך שטיי־אײַן און וואָס איך עס, שרײַב איך דיר, זוגתי היקרה, איך ווייס אַליין ניט אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט איך בין. די שטאָט אַדעס איז אומגעהייער גרויס, און אַלצדינג קאָסט דאָ טײַער, און די הײַזער זײַנען דאָ הויך ביזן הימל, מע דאַרף קלעטערן אויף אײַזערנע טרעפּ אַ האַלבע שעה, ביז מע קומט אַהיים, אַזש אונטערן הימל. און אַ פֿענצטערל איז אַ קליינס, ווי אין טורמע. איך בין זיך מחיה, אַז ס׳ווערט טאָג און איך קאָן מיך אַרויסכאַפּן פֿון דער טורמע אַהין אין גרעצק אַרײַן, און דאָרטן טאַקע עס איך שטייענדיק, דאָס הייסט, מע כאַפּט־איבער וואָס גאָט גיט. וואָרעם ווער האָט צײַט זיך אַוועקזעצן עסן, אַז מע דאַרף אַלע מינוט געוווירע ווערן די קורסן פֿון בערלין? דערפֿאַר איז דאָ פֿרוכטן בזיל הזול [15]. ווײַנטרויבן עסט מען דאָ נישט ווי בײַ אײַך אין קאַסרילעווקע ראש־השנה אויף שהחיינו — דאָ עסט מען ווײַנטרויבן אַלע טאָג און אין מיטן גאַס, מע שעמט זיך גאָר ניט.

הנ״ל

— IV —

סיינע־שיינדל פֿון קאַסרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין אַדעס

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפֿורסם החכם מופֿלג מוהר״ר
מנחם־מענדל נ״י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, אַז איך האָב דיך אָנגעקוקט טאַקע גאָר ווי אַ משוגענעם! לאָם [16] איך אַזוי וויסן, אויף אַ פֿולער וואָך ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, פֿון דער שטאָט אַדעס, ווי איך הייב אַפֿילו אָן צו וויסן, וואָס דו פּלאַפּלסט מיר אין דעם בריוו „העס״ און „באָס״ און „דעלעזשאַנס״ [17], דער שוואַרצער יאָר ווייסט אײַך דאָרטן! עס פֿליִען בײַ דיר פּופּציקערס ווי האַלעשקעס [18], עפּעס איז בײַ דיר דאָרטן געלט — שמעלט, הפֿקר ציבעלעס! אַוודאי קאָן מען גיין אין גאָלד בײַ אַזעלכע פּרנסות! איך פֿאַרשטיי ניט, כאָטש נעם מיר אַראָפּ דעם קאָפּ. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין סחורה, וואָס מע זעט עס ניט? אַ קאַץ אין אַ זאַק!?... הערסט דו, מענדל? מיר געפֿעלט דאָס ניט. איך בין בײַ מײַן טאַטן נישט געפּרוווט געוואָרן צו אַזעלכע לופֿטיקע פּרנסות. לאָז מיך גאָט היטן אויף ווײַטער אויך. ווי זאָגט די מאַמע, זאָל לעבן? פֿון לופֿט כאַפּט מען אַ פֿאַרקילונג... דו שרײַבסט: „אַז מע לייגט זיך שלאָפֿן מיט אַ דעלעזשאַנס, שלאָפֿט

[15] לאָמיר. — [17] (דילעזשאַנס) פּאָסטוואָגן (שיינע־שיינדל צעדרייט אַלע שווע־רע ווערטער, וואָס מ״מ שרייבט איר). — [18] קליסקעס, גראָבע לאָקשן.

risk. If I wanted to make a small reduction, I could find plenty of customers. But I don't want to. If I need any cash, I can get plenty. All I have to do is sell a couple of hausses or a couple of baisses. But I don't feel like doing that either. I'll do better by buying another stallage. The more stallages, the better. When you go to bed with a stallage, you sleep all the sweeter. And since I am pressed for time, I must cut this short. Please God, in my next letter I'll write you everything in detail. For the time being, may the Lord grant health and success,

From me, your husband,
Menahem-Mendl.

Just remembered! You ask where I'm staying and what I'm eating. To tell you the truth, my dearest wife, I myself don't know where I am. The city of Odessa is terribly big, everything is expensive, and here the houses are as tall as the sky—you have to climb an iron staircase for half an hour before you reach your lodging, which is right under the clouds, and the window is a tiny one, like in jail. I'm happy to see daybreak when I can escape from this jail into Greek Street, and that's where I always eat, standing up. That is to say, you grab whatever comes your way, because who's got the time to sit down properly to eat when you have constantly to watch the Berlin exchange? However, fruit is very cheap here. You don't eat grapes here like in Kasrilevka, where you eat them only on New Year's when you say grace: here everybody eats grapes every single day, right in the middle of the street, and nobody is ashamed of it.

As above.

## 4

**To my dear, esteemed, renowned, and honored husband, the wise and learned Menahem-Mendl, may his light shine forever.**

**In the first place, I want to let you know that we are all, praise the Lord, perfectly well, and may we hear the same from you, please God, and never anything worse.**

**In the second place, I am writing to say that I believe you must have gone out of your mind. May I be spared ever seeing head or tail of your wonderful Odessa, if I can make head or tail of all your chatter about stallages and baggages, hausses and baisses and all other messes, the devil knows what they are! And fifties are flying out of your hands like hot doughnuts. Money seems to mean nothing to you; it's just dirt! I'm sure anybody can bathe in gold if they engage in such business deals! Even if you were to chop my head off, I still wouldn't understand what kind of merchandise it can be if it's invisible. A cat in a sack? . . . Listen to me, Mendl, I don't like it. In my father's home, I wasn't accustomed to such airy affairs, and may the Almighty continue to preserve me from them. As Mother says, God bless her, "From the air, all one can catch is a cold. . . ." You write: "When you go to bed with a baggage, you sleep all the sweeter. . . ." Whoever goes**
to bed with a baggage? What strange expressions you use—they sound Turkish to me! And as for what you say about cashing in Uncle Menasheh's notes, if I refuse to believe you, nobody will consider me an infidel. As Mother says, God bless her, "Until you count your pennies twice, you can never be sure. . . ." You know something, Mendl?

— אַן אַ שיעור בעסן! און וואָס דו שרײַבסט מיר מכּוח אַ מענטעלע, אַז איך זאָל דיר קויפֿן, האָב איך פֿון דײַנעט וועגן, זוגתי היקרה, בעסער אויסגעקוקט אַ שענערע זאַך, דהײַנו: אַ זייגערל אַ גילדנס מיט אַ מענדעליאָן [35] און מיט אַ גילדן קייטל מיט אַ בראָש, און בראַנזוליעטן האָב איך געזען אין פֿענצטער, טאַקע ניט ווײַט פֿון פֿאַנקאָנין — זאָג איך דיר: פּרימאַ שבפּרימאַ! [36] און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנ־דערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באַריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר שכחתי. די שפֿע איז דאָ, קיין עין־הרע, גרויס און ייִדן זײַנען דאָ אַזוי פֿאַרטאָן אין פּרנסה, אַז מע פֿאַרגעסט פֿון שבת און פֿון יום־טובֿ. פֿאַרשטייט זיך, אַז בײַ מיר איז שבת — שבת. עס מעגן פֿאַלן שטיינער פֿונעם הימל, מוז איך מיך שבת דורכגיין אין שול אַרײַן. די אַדעסער שול מעג מען גיין אָנקוקן. ערשטנס, רופֿט מען דאָס כאָרשול, מחמת אויבן גייט זי מיט אַ קאָלפּעק [37], און קיין מזרח איז ניטאָ. אַלע זיצן מיטן פּנים אַהין. און דער חזן (פּיני הייסט ער, שוין איין מאָל אַ חזן!) גייט דווקא געגאָלט די באָרד. נאָר עבֿרי קען ער אַ ביסל בעסער פֿון אײַער אַלטן דראָנג משה־דוד! זאָלסט זען אַז סע קומט צו „בריך שמיה דמרא עלמא״, נעמט ער אײַן אַ מיתה־משונה! זײַן „מזמור שיר ליום השבת״ מעג מען האָרכן אויף בילעטן. אַלע זינגערלעך שטייען אויסגעשטעלט אַרום אים, אָנגעטאָן אין קליינע טליתימלעך — מחיה! ס׳זאָל זײַן צווי מאָל אין וואָך שבת, וואָלט איך צווי מאָל אין וואָך געגאַנגען הערן פּינין דאַווענען. איך פֿאַרשטיי ניט די היגע ייִדן, פֿאַר וואָס זיי גייען ניט דאַוונען. און אַפֿילו די, וואָס גייען דאַוונען. דאַוונען אויך ניט; זיי זיצן ווי די טאָקן [38] אין די צילינדערס, מיט די פֿעטע אויסגעפּאַשעטע פּנימער, מיט די קליינע טליתימלעך, און — שאַ! טאָמער וויל אַ ייִד אַ דאַוון טאָן אַ ביסל העכער, קומט־צו צו אים דער שמש מיט די קנעפּ און זאָגט, ס׳זאָל זײַן שטיל. — מאָדנע ייִדן אין דעם אַדעס!

הנ״ל

— VIII —

שיינע־שיינדל פֿון קאַסרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין אַדעס

לכבֿוד בעלי היקר הנגיד המפֿורסם החכם מופֿלג מוהר״ר

מנחם־מענדל נ״י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס איז די גדולה, וואָס מע דאַרף זיצן בײַ פֿראַנקאָנין. ברענען זאָל זי! בײַ די מירמלשטיינערנע טישלעך פֿרעסן פֿון אין דער פֿרי ביז אויף דער נאַכט דער רוח ווייסט וואָס? אַבי אויסברענגען געלט? און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ משוגענער דאָרטן בײַ אײַך אין אַדעס, וואָס סע חלומט זיך אים, אַז מע שיסט? געשאָסן זאָל ער ווערן פֿון גאָט! מלחמות גלוסט זיך אים! ווי זאָגט די מאַמע? „יענעמס בלוט איז בײַ אים וואַסער״... גילדענע זייגערלעך מיט בראַנזוליעטן האָסט דו דערזען אין די פֿענצטער אין אַדעס? אַ גדולה אויף דער באָבע! וואָס טויגן מיר דײַנע מתנות, מענדל, וואָס דו זעסט זיי דורכן פֿענצטער? ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „קרעפּלעך אין חלום איז ניט קיין קרעפּלעך, נאָר אַ חלום״... דו כאַפּ זיך אַרײַן בעסער אין אַ קלייט

[38] געטאָקטע, געשניצטע.

coni's, and I tell you, they're Class A! And since I am pressed for time, I must cut this short. Please God, in my next letter I'll write you everything in detail. For the time being, may the Lord grant health and success.

From me, your husband,
Menahem-Mendl.

Just remembered! There is such prosperity here, knock on wood, and people are so busy doing business that one loses sight of Sabbaths and holidays. For me, of course, Sabbath always is Sabbath. It can rain stones from the sky, but on Sabbath I've got to drop into the synagogue. The Odessa synagogue is something to see. First of all, it is called the Choir Synagogue because on top of it there's a round cap instead of a roof, and it hasn't got an East Wall. That is to say, everybody sits facing the cantor. And as for the cantor (Pinney is his name, and what a voice!), it's true he doesn't wear a beard, but he cannot be compared to that old drone of yours, Cantor Moishe Dovid! You ought to hear him pray—it can drive you out of your wits! As for his Sabbath day psalm, it is worthwhile buying a ticket to hear it. All the little choirboys stand around him in their little prayer shawls—what a pleasure! If Sabbath were to fall twice a week, I'd go twice a week to listen to Pinney. I cannot understand the Jews of Odessa—why don't they go to the synagogue to pray? And even those who do go to pray don't pray; they sit like puppets with their fat and shiny faces; they wear top hats on their heads; their prayer shawls are small and skimpy, and—shsh!—nobody even opens his mouth. And if some Jew should venture to pray a little louder, up comes the beadle with shiny buttons and says, "Quiet, please!" Funny Jews in Odessa!

As above.

## 8

To my dear, esteemed, renowned, and honored husband, the wise and learned Menahem-Mendl, may his light shine forever.

In the first place, I want to let you know that we are all, praise the Lord, perfectly well, and may we hear the same from you, please God, and never anything worse.

In the second place, I am writing to say, my dearest husband, that I cannot understand what's so wonderful about having to sit at marble tables in Franconi's, may she burn to an ash, and gorge on what-do-you-call-it from morning till night. Just to throw money away? And who is that madman who wanders around your Odessa dreaming about cannon shots—may he get shot full of holes himself! Wars—is that what he hankers after? As Mother says, God bless her, "What's blood to you is water to him. . . ." Oh, so you've seen golden watches and bracelets in Odessa shopwindows! You can save them for your grandmother! What earthly use to me are presents which you see through windowpanes, Mendl? As Mother says, God bless her, "Pancakes seen in a dream aren't pancakes, only a dream. . . ." Better walk straight into a shop and buy me some linen for bedsheets and pillowcases, and a couple of woolen blankets, and some table silver for the house, and whatnot. Just imagine, Blumeh-Zlatch finds it necessary to stick her nose up at me. Her head is swollen twice its size with pride, may she swell till she bursts! And

זײַנען זיי געווען פֿריִער, די חכמים? — מע רעדט שוין גאָר קיינע ניט פֿון מיר, גלײַך ווי איך וואָלט גאָר געווען אַ געשטאָרבענער הלוואי וואָלט איך טאַקע געשטאָרבן אײדער אַזעלכעס דערלעבן! או ווי אויף צו להכעיס זיצט אָט דער גאַמבעטע, ימח שמו זאָל ע ווערן, און הערט ניט אויף צו גראַגערן אין די אויערן מיט זײַן פּאָליטיקע: „האַ, זאָגט ער, האָב איך אײַך געזאָגט אַ בעס?" — „וואָ קומט מיר אַרויס, זאָג איך, פֿון אײַער בעס, אַז מע גיט מיר ניט זאָג איך, קיין לאָנדאָן?"... לאַכט ער און זאָגט מיר: „ווער איז אײַן שולדיק? די בערזע, זאָגט ער, דאַרף מען פֿאַרשטיין, און אַז מ קאָן ניט האַנדלען מיט לאָנדאָן, דאַרף מען, זאָגט ער, האַנדלען מי אתרוגים"... איך זאָג דיר, זוגתי היקרה, ס'איז מיר אַזוי נמאס דאָ אָדעס, מיט דער היגער בערזע, מיט דעם פֿאַנקאָני, מיט די אַלע מענטשלעך! איך וואָלט געלאָפֿן אין דער וועלט אַרײַן! און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אין די ווײַטערע בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באַריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. און גריס די קינדערלעך אַלע און שווער און שוויגער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר שכחתי. דאָ אין דעם אָדעס איז אַ מנהג, אַז עמעצער דאַרף אַ גמילות־חסד, גייט ער נישט צו אַ שכן, צו אַ קרובֿ אָדער צו אַ באַקאַנטן, ווי למשל, בײַ אונדז אין כּאַסרילעווקע, נישט מחמת מע פֿוילט זיך גיין, נאָר פּשוט, מע ווייסט פֿריִער, אַז יענער וועט ניט שטעקן; מע נתנט ניט — און שוין! וואָס זשע טוט מען פֿאָרט, אַז מע דאַרף? איז געמאַכט געוואָרן אַ לאָמבאַרד, וואָס גיט אַרויס געלט וויפֿל דו ווילסט, אַבי נאָר דו ברענגסט אַ רעכטן משכּון: גאָלד איז גאָלד, זילבער איז זילבער, מעש איז מעש, און אַ מלבוש, און אַ סאַמאָוואַר, און אַ בענקל, און אַפֿילו די בהמה, אַז דו ברענגסט צו פֿירן, גיט מען דיר אויך אַרויס אויף איר געלט. דער חסרון איז נאָר, וואָס זיי שאַצן אַלצדינג זייער וואָלוול, בחצי חינם! דערפֿאַר האָבן זיי אַ מעלה: פּריצענט [52] נעמען זיי געשמאַקע, בײַסנדיקע, אַזוי אַז דאָס פּריצענט עסט־אויף דאָס קרן; מוז מען אַלע צוויי וואָכן מאַכן דאָרט אַ לעסיטאַציע [53], דאָס הייסט, מע פֿאַרקויפֿט־אויס די איבער־געבליבענע משכּונות, און מענטשן האַנדלען מציאות, מאַכן דערפֿון אַ שיין קערבל. ווען איך בין איצטער בײַ געלט, וואָלט איך געקאָנט אַ האַנדל טאָן אויפֿן לאָמבאַרד און אומקערן מײַן היזק אפֿשר נאָך מיט אַ סמיטשיק... נאָר גיי מאַך! אָן געלט זאָל מען גאָר ניט געבוירן ווערן אויף דער וועלט, און טאָמער איז מען געבוירן געוואָרן, זאָל מען בעסער שטאַרבן... איך קאָן מער ניט שרײַבן. שרײַב מיר פֿון דײַן געזונט, און וואָס מאַכן די קינדערלעך זאָלן לעבן, און גריס שווער און שוויגער און אַלעמען באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

הנ"ל

homesick I am wasting away! A hundred times a day I curse the day I was born. Better to have broken both my legs before I ever came to Odessa, where a man counts for nothing. You can drop dead walking in the middle of the street, and nobody will even stop to look. How many brokers made a living around me and enjoyed plenty of tidbits on my account! And today not one of them even recognizes me! Before, I had a name here—they called me the Rothschild of Kasrilevka—and today they are making fun of me—those very same brokers! To hear them talk, I don't understand a thing about this business. "London," they say, "is an art that has to be understood." Where were they before, those sages? Things have come to such a pass that nobody talks about me anymore—I might as well be dead! And I wish I were dead rather than face such disgrace. And for spite, that cursed Gambetta sits there and doesn't stop dinning politics in my ear. "Ah," he says, "didn't I keep saying baisses?" "What good," say I, "are your baisses when nobody gives me London!" He laughs and says, "Whose fault is it? One has to understand the stock exchange. And if one doesn't know how to deal in London," he says, "one should stick to rags and old bottles. . . ." I tell you, my dearest wife, I am so sick of Odessa, its stock exchange, its Fanconi, and all those petty people, I'd be glad to run away anywhere! And since I am pressed for time, I must cut this short. Please God, in my next letter I'll write you everything in detail. For the time being, may the Lord grant health and success. Greet all the children, God bless them, and give my kindest regards to your father and mother, to old and young, to big and small.

From me, your husband,
Menahem-Mendl.

Just remembered! There is a peculiar custom in this Odessa City—whenever anybody needs help, he doesn't go to a neighbor, a relative, or a friend, as we do in Kasrilevka, for example. Not because it's shameful, but simply because you know beforehand that you won't get even a fig, and that's all there is to it. So what does one do in time of need? They fixed up a place called pawnshop which gives you as much money as you want, so long as you bring them good security—it may be gold; it may be silver; it may be copper, or a suit, or a samovar, or a chair—even if you bring a cow, you can raise money on it! The only snag is that they put a very low value on anything you bring—less than nothing. On the other hand, there is one advantage: The interest they take is so nice and fat that it eats up your capital. So every two weeks they hold an "auction." That means, they sell all the securities which have not been redeemed, and people can get wonderful bargains and make a pretty penny on them. If I could lay my hand on some money now, I'd take a stab at doing business with a pawnshop, maybe get back what I lost, and perhaps even make a bit extra. . . . But what's the use? Without money, one should not be born into this world, and if one does get born, it is better to die. . . . I cannot write anymore. Let me know how you are feeling and what the children are doing, God bless them, and give my kindest greetings to your father and mother.

As above.

